# נספח

## חיים נחמן ביאליק

## מײַן גאָרטן *

װילט איר אפֿשר זײַן אַ בעלן
אָנקוקן מײַן שײנעם גאָרטן —
זײַט זשע מוחל, קומט אַרױס,
קוקט אים אָן — אָט שטײט ער דאָרטן!

אָן עין־הרע גרױס און רײַך —
ב׳זאָג אײַך, אײנער אין דעם שטעטל.
זעט נאָר, װי עס קװעלט אין אים
יעדער בױם און יעדעס בלעטל...

אױסגעצװאָגן פֿון דעם טױ,
פֿון די שטראַלן אױסגעבאָדן,
שטײען בײמער אַלערלײ
מיט די פּירות אָנגעלאָדן.

שװערע עפּל, רױטע עפּל
בײגן צו דער ערד די צװײַגן
און די באַרן — זעט נאָר באַרן! —
הענגען שטיל זיך דאָרט און שװײַגן.

שװאַרצע װײַנשל בלינצלען עפּעס
ממזר׳ש, גנבֿה׳ש, װי מיט אױגן...
נו, און פֿלױמען — אָט די פֿלױמען! —
מיט אַ בלױען הױך באַצױגן...

* ח. נ. ביאליק: פּאָעזיע, ליעדער און פּאָעמען, װאַרשאַ 1913 [תרע״ג], עמ׳ 64–73; אויך: שירים, לידער און פּאָעמען, בערלין 1922, עמ׳ 49–55. געענדערט איז נאָר דער אויסלייג לויט די תּקנות פֿון ייִוו״אָ.

הײַנט די פֿערשקעס — איין מאָל פֿערשקעס!
פּוכלע, העריק, פֿריש און איידל,
פּונקט ווי קײַלעביקע בעקלעך
פֿון אַ פּופּצן־יאָריק מיידל...

יאָ, אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען,
כ׳האָב אַ רײַכן שיינעם גאָרטן,
אָן עין־הרע אָנגעפּאַקט
פּירות, פֿרוכט מכּל הסאָרטן.

כ׳האָב אים, אָט דעם שיינעם גאָרטן,
ס׳זאָל אים קיין בייז אויג נישט שאַטן,
ליב דאָס לעבן; שײַך ליב? —
כ׳זאָג אײַך: עפּעס ווי אַ טאַטן...

זומערלעב נאָך מיטאָג, הײַנו:
נאָך אַ יויך און נאָך געבראָטנס,
נעם איך און פֿאַרשטעק זיך טיף
און צעלייג זיך דאָרט אין שאָטנס —

ברייטלעך אָט אָ דאָ, למשל,
אונטערן באַרנבוים דעם גרויסן...
מיני פֿייגל אַלערליי,
שרים ווייסן ווי זיי הייסן —

הם... קאַנאַריקלעך, אַ שטייגער,
זינגען, קלינגען, קנאַקן, שאַלן,
און דאָס שיט זיך אויף מײַן קאָפּ
מיט געזיפּטע ברעקלעך שטראַלן...

טוט זיך נאָר דער בוים אַ טרייסל —
באַלד צעלויפֿט זיך אויף דעם שאָטן,
גיך ווי מײַזלעך, פֿלעקן גאָלד —
און איך ווער מיט גאָלד באַשאָטן...

און זיי פּלאָנטען זיך אין באָרד,
און זיי קריכן אין די אויגן,
קיצלען, ראַנגלען זיך — פֿרעגט וואָס?
נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן...

מאַכן חוזק פֿון אַ ייִדן,
כ'ווייס נישט, וואָס זיי ווילן האָבן;
הוידען, גליטשן זיך אויף מיר —
טפֿו, אַ רוח אין זייער באָבען!...

ליגנדיק אַזוי און זען,
ווי עס ציטערט יעדעס בלעטל —
דוכט זיך מיר, איך וויג זיך שטיל
אין אַ גאָלד געפֿלאָכטן בעטל...

און פֿאַרקוק זיך גלאַט אַזוי
אויף די פּיצלעך, שטיקלעך הימל...
און עס וועבט זיך אויף די אויגן
זיס און ווייך און שטיל אַ דרימל...

ווייסט איר: ווייך און זיס אַזוי...
עפּעס מעשׂה יצר־הרע... —
יאָ, וואָס זאָגט איר? דאַנקען גאָט —
ס'איז אַ גאָרטן אָן עין־הרע!

טרעפֿט זשע, וואָס איך בין אַ בעלן
טאָן, אַ שטייגער, מיט מײַן גאָרטן?...
באַלד אם־ירצה־שם נאָך תּמוז —
נעם איך — רײַס אָרום די פּרוכטן...

ראשית, וועל איך אָט די ווײַנשל
פֿון דעם בוים מחילה בעטן,
און וועל האַלב מיט בראָנפֿן 'שטעלן'
און מיט צוקער האַלב אָנשיטן —

ווישניאַק הייסט דאָס, ווי איר ווילט —
ווילט איר זיסן, ווילט איר שטאַרקן...
כאַפּט זשע נישט, איצט לאָמיר נעמען
אָט די פערשקעס, וואָס בײַם פּאַרקן...

אָט די פערשקעס, ווי איר זעט זיי,
באַלד ווי נאָר זיי ווערן פֿאַרטיק,
פֿרעגלט 'מײַנע' אײַנגעמאַכטס —
אָבער אײַנגעמאַכטס גרויסאַרטיק!

ס׳איז כּדאַי אים אָנצוקוקן.
יאָ, איך מעג דאָס אײַך פֿאַרגינען...
פֿון דעם בוימלדיקן סיראָפּ
שײַנען פּערשקעס ווי בורשטינען...

האָב איך אײַך געזאָגט גרויסאַרטיק —
מעגט איר זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן;
׳מײַנע׳, דאַנקען גאָט, פֿאַרשטייט,
ווי מען טוט מיט אַפּריקאָרסן...

נאָך דעם גייט אַ סדרה פֿלוימען...
כאַפּט זשע נישט און לאָזט זיך ריידן —
פֿון די פֿלוימען ווערט פּאָווידלע —
און פּאָווידלע — טעם גן־עדן!

צוויי מעת־לעת געפּריִעט אין אויוון
אין איין עמער־טאָפּ אַ גרויסן,
מיט געווירצן רײַבט מען נאָך דעם...
נישט דאָס אָבער בין איך אויסן...

כ׳זאָג אײַך: ס׳איז אַ מאכל — הײַנו:
ברויט, למשל, צו באַשמירן...
איצטער — יעמוד ר׳ בערל!
באַרן, הייסט דאָס, אײַנמאַרנירן...

ווילט איר פֿון מאַרנירטע באַרן
זײַן, ווי זאָגט מען, עכט צופֿרידן —
זאָלט איר טאָן אַזוי ווי ׳מײַנע׳:
פֿריִער דעם עסיק איבערזידן, —

און, פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט צוקער
מיט געווירץ און לאָרבער־בלעטער!
נאָר די באַרן גופֿא זאָלט איר
דאָרט אַרײַנלייגן ערשט שפּעטער...

גאַנצערהייט, נאָר אָפּגעשיילטע,
מיט די שטעקעלעך אַפֿילו —
און איר מעגט שוין זײַן באַוואָרנט —
ס׳וועט ניט צוקערן, חלילה...

אָפּגעטאָן די באַרן זייערס —
הייבט איר אָן די עפּל רייַסן;
און פֿון עפּל האָט איר צימעס,
קוגל, קנישעס צום פֿאַרבייַסן.

מיינט איר אפֿשר דאָס איז גאָר?
פֿע, אַזוי איז מעשׂה פֿרעסער!
דווקא פֿון די שענסטע עפּל
שטעל איך עפּל־קוואָס דרייַ פֿעסער...

ווייסט איר שבת נאָכן שלאָף
אין אַן אָסיען־טאָג אַ מיאוסן,
ווען עס ווילט זיך נאָר מען קאָן נישט
נישט קיין גענעץ טאָן, נישט ניסן...

און סע גלוסט זיך, נאָר מען ווייס נישט
זיס צי זויערס? עפּעס ווייַניגס... —
דעמאָלט איז אַ ביסל קוואָס
מיט אַ קיסליצע — אַ תענוג!...

דוכט זיך — גאָרנישט, קלייניקייטן —
נאָר די אַלע זיבן זאַכן
וועלן, מ׳־ירצה־שם, מייַן שטוב
זומערדיק אום ווינטער מאַכן.

אין די ווינטער־נעכט די גרויסע,
קומען גוטע ברידער שמועסן,
מיך מהנה זייַן, דערווייַל
טאָקע עפּעס גוטס געניסן...

זיי אַרומזעצן בייַם טיש,
וועל איך אַ געשריי טאָן: ׳פֿאַני׳!
— ׳מייַנע׳, הייסט דאָס — נו, באַווייַז זיך,
זייַ מכבד די ׳קאָמפּאַני׳!

מילא, רעדט מען נישט פֿון טיי,
קיכלעך קאָרזשעס, פֿלאָדן, טאָרטן
און כּדומה דאָרט געבעקסן —
נאָך דעם — יעמוד מייַן גאָרטן!

און אין איין מינוט וואַקסט אויס
אויף מײַן טיש אין מיטן ווינטער
באַרן, פֿלוימען, פּערשקעס, ווײַנשל...
און סע ווערט, ווי זאָגט מען, מונטער...

באַרן — מיינט מען אײַנמאַרנירטע;
ווײַנשל — מיינט מען ווישניאַק שוואַרצן;
פֿלוימען, פּערשדקעס — הייסט פּאָווידלע
און כּדומה אײַנגעמאַכטן.

און דער עולם כאַפּט זיך צו —
שטערנס שוויצן, פּיסקעס קנאַקן,
און מען אַרבעט לאַנג געשמאַק
און מען רײַבט אויף ביידע באַקן.

עפּעס אויך די ליכט, די וואַרעם
ווערן פֿריילעכער, געשמאַקער,
און מײַן בליצלאָמפּ, דוכט זיך, ברענט נישט
מיט אַ פֿלאַם, נאָר מיט אַ פֿלאַקער...

אויך די צינגלעך ווערן שאַרפֿער
און סע בליצט אַ שפּיציק ווערטל.
באַלד, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן,
גייט מען איבער צו אַ קערטל...

און פֿאַרטיפֿט מיט זיי אין איינעם
אין געווינסן און אין שאָדן —
הער איך איינער ווי סע קלאַפּט מיר
שטילערהייט אַ בוים אין לאָדן:

„בעל־הבית! אוי, מיר איז פֿינצטער!
בעל־הבית! אוי, מיר איז ביטער!
נאַקעט בין איך און דער ווינט שמײַסט
מיך אַליין מיט מײַנע ריטער...

כאַפּט מיך אָן בײַם האַרץ און טו,
מישנדיק דאָס טעשל קאָרטן,
אַ קליין קרעכצל: „נעבעך, נעבעך,
אַ רחמנות אויף מײַן גאָרטן!...